8 זייטן „Radomer-Kielcer Leben“ 3 (753) — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem XVI טער יאָהרגאַנג פּרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

Radom, dnia 20 Stycznia 1939.
ראַדאָם, פרייטאָג כ"ט טבת תרצ"ט
טעלעפאָן פון רעדאַקציע. 18 - 15

Okucia meblowe — Okucia budowlane
8-טונג בעלי-מלאכות פון ראדאם און אומגעגענד!
די ביליגסטע קוועלע פון בוי און מעבל - באשלעג
שרויפען, ניטען, רעהמען מעשענע צו פויערהאנגען, ווי אויך פערשידענע
אייזן-ארטיקלען קורצע און גראבע צו בעקומען אין דער אייזען-פירמע
E. Frydman Radom, Słowackiego 8

## בעקאַנטמאַכונג
דאָס לאַנג - עגזיסטירענדע בראַנפען - געשעפט
פון ר. קופּערמאַן
איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף רינעק 14
ביי דער צוקערניע.
עס איז צו בעקומען אַלע סאָרטען בראַנפען 45% 55%
95% ליקערען, וויינען, אויך כרמל
מיט אכטונג ר. קופּערמאַן, רינעק 14.

אבטיילונג פאר אסטראוויעץ אפּאטאוו, וויערזשבניק און סביבה אויף זייט 7

אבטיילונג פאר קעלץ אויף זייט 8

טיעף ערשיטערט פון טראגישען טויט
פון אונזער מיטגליד
## ירחמיאל מיכל גרינבערג ז"ל
דריקען מיר אויס דער אין טיפען-טרויער פערבליבענע פאמיליע אונזער וואַרימסטען מיטגעפיהל.
די פערוואַלטונג פון קליינהענדלער - פערבאנד
אין פוילען, אבטיילונג אין ראדאם
זשעראָמסקי 21.

צו דער 20-טער יאָהר - צייט שבת ראש חודש שבט תרצ"ט
פון אונזער אונפערגעסענעם פאטער
## מנשה בירענבוים ז"ל
שטעלען מיר אריין לזכרון נשמתו אנ'אנדענקונג'ס - טאוועל אין
בית-מדרש אויף קאזשעניעצקא 15.
מאָרגען שבת קומט פאָר אין דערמאָנטען בית המדרש אנ'אזכרה ביים דאווענען
אויף וועלכער מיר פערבעטען קרובים. פריינד און בעקאַנטע.
זיהן: אפרים, איטשע, יאנקעל, פישעל בירענבוים
אין דער אבוועזענהייט פון איין זוהן וועלוועל בירענבוים אין אמעריקא.

א שילער פון א העכערען קורס אויפן קאָנסערוואטאָריום ערטיילט לעקציעס אויף פידעל.
אינפאָרמאציעס אין רעדאקציע.

Z intencji zaślubin siostry przyjaciela mojego Jakóba Zajdmana
p. Blumy Zajdmanówny
z p. Aronem Wajsbordem
życzę aby w drodze Ich życia
pełnym kwiatów i słońca ziszczyły się Ich marzenia
przyjaciel Monlek Nowopolski

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
**kuchenki, żelazka**
**grzejniki do rurek**
**poduszki i inne**
Do nabycia na dogodnych warunkach w
**Radomskim Towarzystwie Elektrycznym** Sp.Akc. w Radomiu ul. Traugutta 53

## דאנקזאגונג.
מיר דאַנקען דער פאַמיליע דען ובפרט דעם פרעזעס ה' מרדכי דען פאר זייערע געשאָנקענע קוילען צו דער ערשטער יאָהר-צייט פון זייער חשוב'ן פאָטער ר'
## אברהם ליפא דען ז"ל
מיר דאנקען אין נאָמען פון די נצרכים, וועלכע מיר האָבען פערטיילט לויט דער בעפולמעכטיגונג פון דער געעהרטע פאָמיליע דען.
די גבאים פון בית המדרש של אברהם ליפא דען ז"ל
**שלמה בעלזבערג, ישעי' מענדעל ראזענבלאט, חיים ארטמאן**

## נייער
# פריזיר אנשטאלט
פאר ה"ה און דאמען
איז געעפענט געוואָרען אויף
— רע'א 29 —
(פריהער שפּאַציר גאַס)
דער אנשטאַלט איז איינגעאָרדענט לויט די לעצטע סאַניטאַר-היגיענישע פערלאַנגען.
צוגענגליכע פרייזען,
סאָלידע בעדינונג
מ. צעדער.

## בעקאַנטמאַכונג
מיר מאַכען דערמיט בעקאַנט די יודישע בעפעלקערונג אין ראדאָם אַז דער
הכשר פאָר די קאנצעסיאנירטע ריטועלע יאטקעס אויפ'ן חודש טבת, איז פון
# וויסען קאליר
כשר פלייש פּאָדערט ביים קצב ער זאָל אייך ווייזען דעם הכשר. אין די יאַטקע וואו קיין הכשר געפינט זיך נישט, טאָר מען קיין פליש נישט קויפען.
**מחזיקי הדת ועד הכשרות**
אין ראַדאָם

## אויפפאָדערונג
ווי עס איז בעוויסט איז דאָס הויז וואָהל 28 געוואָרען געשענקט דורך די נשים צדקניות מרת ברײַנדיל ניימאַן ע"ה און מרת שרת זיסמאַן (סאָווע) ע"ה פאַר די תלמוד תורה הכללית אין ראַדאָם.

אין די תלמוד תורה לערנען ביים היינטיגען טאָג לערך 250 קינדער (כ"י) עס זענען אָבער דאָ נאָך פיעל הונדערטער קינדער פון די אָרימסטע שיכטען און קלאסען, וועלכע שטורמען מען זאָל זיי אריינעמען אין דער תלמוד תורה. מיר מוזען די תלמוד-תורה פערגרעסערן און די אַלע לאָקאַלען זענען פאַר תלמוד-תורה נויטיג.

דעריבער ווענדען מיר זיך צו אייך חשוב'ע לאָקאַטאָרען מיט א הייסען אַפּעל פרייצומאַכען די וואָהנונגען צום שפּעטסטענ'ס ביז דעם 1-טען ליפּיעץ 1939 בכדי מיר זאָלען קענען דעם דאָזיגען הייליגען ציל ערפילען, וואָס איז געוועזען דער אויסדריקליכער ווינש פון די אויבענדערמאָנטע פערשטאָרבענע נדבנות ע"ה.

איהר מוזט פערשטעהען, אַז מיר טוהן דאָס נישט צוליב ביזוויליגקייט אייך וועה צו טוהן. נאָר די עלענד אויף דער יודישער גאַס איז גרויס און דער כלל-ישראל נויטיגט זיך אז די אַלע לאָקאַלען אין תלמוד-תורה הויז זאָלען פאַרוואַנדעלט ווערען פאַרן כלל.

מיר האָפען, אַז איהר וועט ערפילען אונזער פערלאַנג אויסצומיידען שריט אויף דעם געריכטליכען וועג.

די פערוואַלטונג
**פון תלמוד תורה** אין ראַדאָם.

א האלבען גרויסען
# סקלאד (פּלאַץ)
— צו פערדינגען —
אויף אַלט אייזען, אָדער אויף ברעטער עווענט. אַ שותף — ערקינדיגען זיך אין זעלבען סקלאַד — רינעק 5.

דער געזונד-צושטאַנד פון רבין ר' יאָסעלע וואָכאָנצקער פערבעסערט זיך.
דער רבי דאַנקט די דאָקטוירים קעלערוואָרם, גוטמאַן און נויפעלד פאַר ערטיילען איהם מעדיצינישע הילף.

## דאס ריכטיגע מיטל געגען גריפּע
איז דורך די דאָקטוירים נאָך נישט געוואָרען אויסגעפונען. יעדענפאַלס איז דורך די גרעסטע מעדיצינישע אויטאָריטעטען געוואָרען פעסטגעשטעלט, אז איינס פון די בעסטע מיטלען צו פערהיטן פון דער גריפּע איז צו האַלטען דעם קערפּער אין געהעריגער טעמפּעראַטור.

די אמת'ע טהיי פון דער מאַרקע „בעלל - טהיי מיט'ן גלאָק" באַזיצט אַלע מעלות: זי ציהט גוט אָן, האט א וואונדערבארען געשמאַק און נאַטורעלען פיינעם אראָמאַט און ביים טרינקען דערוואָרימט זי ווי געהעריג דעם אָרגאַניזם.

**„בעלל-טהיי" די טהיי מיטן גלאַק**

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נײַע גאַרדעראָבעס, שנײַ - ווײַסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמיש'ער פאַרבערײַ און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע
# A. Hempel
Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11
ווער ס'האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס'ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! — פּינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג
קומט און איבערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפּיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראָמסקי 1 טראַוגוטטא 11
זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59
ביליג צו וואַשען קאָפּעלושען

